# פרשת מקץ כ"ז כסלו - ד' טבת תשפ"א לפ"ק

***יום ראשון פרשת מקץ***

בשעות אחר הצהרים התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לרגל האירוסין של החתן **אברהם** נ"י בן הר"ר **בערל דייטש** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יודל וויינבערגער** הי"ו.

בשעות הערב (ליל ד' דחנוכה) הדליק **רבינו שליט"א** נרות חנוכה בבית המדרש סאמבאטהעלי. בדברי תורה המשיך **רבינו שליט"א** מה שביאר (בליל א') דנס חנוכה היה בהאש, שהיה אש של מעלה שאינו מכלה. ואמר שזה תליא בתירוצי הבית יוסף באיזה אופן נתהוה הנס, דלתירוץ השלישי שלאחר שנתנו כל השמן בהמנורה מצאו בבוקר שהיו מלאים שמן אתי שפיר, אבל אי אמרינן דחילקו השמן שבפך לשמונה חלקים, או דשוב נתמלא הפך בשמן, על כרחך שנתהוה הנס בהשמן ולא בהאש.

אמנם יש לומר דגם אי נימא דנתרבה כמות השמן, אין הכוונה שבדרך נס הובא לכאן שמן חדש ממקום אחר, שמן של נס, אלא הנס היה שנתרחב השמן המועט ונתפשט ממנה, שאותה שמן עצמה נכפל בכפלי כפליים, אבל כולו היה מגופו, ולא שמן נס שנברא שמן חדש.

וסיים בדברי אגדה, כי היוונים רצו לבטל מישראל מצות קידוש החודש, וביאורו, דישראל מונין ללבנה, ללמד אותנו שלא נתייאש לעולם, וגם כאשר חשך עולמו עליו, יש לו עוד תקוה של אור. ואנו דומין בזה להלבנה, שגם אחר שנחשך אורה כליל, שוב לאחר זמן מתחדשת ומוסיפה להאיר יום יום יותר ויותר. ועל דרך זה צריך כל ישראל ליקח חיזוק זה לעצמו תמיד ולא להתייאש.

*

***יום שני פרשת מקץ***

בשעות הערב (ליל ה' דחנוכה) הדליק **רבינו שליט"א** נרות חנוכה בבית המדרש סאמבאטהעלי. בדברי תורה המשיך **רבינו שליט"א** מה שדיבר אתמול דהנס היה שנתחזק איכות כחו של אותו שמן פי שמונה מטבעו הרגיל, שכמות שמן הנצרכה להדלקת לילה אחת הספיקה להאיר שמונת הלילות, דתירוץ זה לא תעלה ארוכה לפי תירוץ הבית יוסף שהנס היה שנתמלא הפך מחדש בכל יום אחר שהוריקו ממנה השמן. ועל כרחך צריך לומר דכיון דאותה שמן היתה מתפשטת ומתרחבת, הוי תוספת השמן אותה שמן עצמה, וכשרה להדלקת המנורה. דוגמת האש, שמאש קטן יוצא שלהבת גדולה, כן על דרך נס יוכל להתפשט שמן מועט למרובה.

והאריך **רבינו שליט"א** בדברי **הש"ך** (פ' וישלח) שנתבצר ליעקב כד של שמן ויצק על האבנים אשר שם מראשותיו, וחזר הכד ונתמלא. והוא השמן שנמשחו ממנו המשכן וכל כליו והמזבח ואהרן ובניו והמלכים, ועדיין כולו קיים. והוא כד השמן של הצרפית, והוא אסוך שמן של אשת עובדיה הנביא. ובספר **ברכת שמואל** כתוב עליו דפשוט הוא בעיני שגם אותו הפך נתגלה לבני חשמונאי, ובו הדליקו שמונה ימים, והמותר נגנז לעולם הבא, וזה נרמז באמרם ז"ל מא"י חנוכה, שהשמן הזה עמד בדרך נס אצל י'עקב מ'שכן א'ליהו א'לישע, ושוב בחנוכה.

וסיים בדברי אגדה, שלכך נתהוה נס ניצוח מלחמה בדרך הטבע, שיצאו מועטים ונצחו, שבנס בדרך הטבע יכול להתעורר תמיד בכל עת וזמן לטובת ישראל.

*

***יום שלישי פרשת מקץ***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **יצחק חיים סאלאמאן** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** זיצט ביי א סעודת ברית מילה אין חנוכה. איינע פון די זאכן וואס די יונים האבן גוזר געווען איז דאך געווען אויף מילה. חודש, שבת, מילה. אין אטייל פוסקים שטייט, אז וועגן דעם האט מען קובע געווען חנוכה אכט טעג, עס איז דאך נאר געווען דער נס אויף זיבן טעג, דעם ערשטן טאג איז דאך נישט געווען קיין נס, עס איז דאך געווען א פך שמן. אבער מען האט געוואלט מאכן א זכר אויף די מצוה פון מילה וואס עס איז ניתן לשמונה, אז זיי האבן געוואלט מבטל זיין די מצוה פון מילה, האט מען קובע געווען חנוכה זאל זיין אכט טאג (**אליה רבא** סימן תרע).

**עס** קען זיין, מען זאגט אין על הניסים א דאפעלטע לשון, כשעמדה מלכות יון הרשעה על עמך ישראל

להשכיחם תורתך ולהעבירם מחוקי רצונך. וואס איז דער חילוק צווישן להשכיחם תורתך און ולהעבירם מחוקי רצונך. אז מען פארגעסט די תורה גייט מען דאך ממילא אוועק מחוקי רצונך.

**דער** פשט דערפון איז, מען ווייסט וואס עס שטייט אין הייליגע ספרים, אז עס זענען דא צוויי אופנים ווי אזוי דער יצר הרע קומט צו דעם מענטש צורעדן צו אן עבירה. ביי א פשוטן יוד, קומט ער אפען, ער איז מעורר ביי אים א תאוה א הנאה, דו וועסט הנאה האבן. די תורה זאגט טאקע אז מען טאר נישט, אבער די הנאה טוט אים איבערוועגן די תורה. ביי אן ערליכן יוד פארשטייט דער יצר הרע אז ווען ער וועט אים קומען זאגן עובר צו זיין אויף די תורה, וועט ער נישט עובר זיין. קומט דער יצר הרע און ער טוט עס מלבוש זיין אין א דבר מצוה, אז עס איז נישט אזוי געפערליך די עבירה, עס איז גאר אפשר א מצוה אז מען דארף אזוי צו טון. עס שטייט פון **בעל שם טוב הק'**, שוחט משום מאי מחייב, משום צובע (שבת עה.). זאגט ער אז עס גייט ארויף אויף שוחט דעלמא, דער יצר הרע ווערט אנגערופן דער שוחט פון די וועלט (בבא בתרא טז.). 'משום מאי מחייב', פארוואס וועט מען אים מחייב זיין, ער טוט דאך וואס ער דארף צו טון. 'משום צובע', ווייל ער פארבט די עבירות פאר מצות. מען האט אים געשטעלט ער זאל צורעדן צו טון אן עבירה, אבער ארייננארן דעם מענטש און מאכן פון א עבירה א מצוה, דאס האט מען אים נישט געהייסן.

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, קדשי קדשים שחיטתן בצפון, קדשים קלים שחיטתן בכל מקום בעזרה (זבחים מז.). קדשים קלים די יודען וואס זענען קדשים, אבער זיי זענען קלים, שחיטתן בכל מקום, זיי קען ער שחט'ן בכל מקום, איבעראל. אבער קדשי קדשים, די ערליכע יודען, שחיטתן, זיי קען ער נאר שחט'ן, בצפון, מיט א באהאלטענע זאך. מען טוט עס איינפארבן, עס איז נישט אזוי געפערליך, עס איז נישט קיין דבר עבירה, דעמאלטס קען ער צוברענגען אז אפילו א ערליכער יוד זאל נכשל ווערן אין א חטא.

**די** זעלבע איז ביי אומות העולם. ביי די אומות העולם איז דא צוויי וועגן ווי אזוי זיי קומען אויף יודען. איינס, פשוט, זיי ווילן מאבד זיין די תורה, מאבד זיין כלל ישראל. נאכדעם געפונט מען אין די אמאליגע צייטן אז זיי זענען געקומען צורעדן מיט חכמות התורה, אז על פי תורה דארף מען זיך צושטעלן צו די אומות העולם. מען געפונט אין מדרש (ויק"ר ד-ו), אז א מין האט געפרעגט איינע פון די תנאים, עטץ האלטס דאך די תורה, אין די תורה שטייט (שמות כג-ב) אחרי רבים להטות, אז א מיעוט ווערט בטל אין רוב, און אתם המעט מכל העמים (דברים ז-ו), יודען זענען א מיעוט פון אלע פעלקער, פארוואס ווערט עטץ נישט בטל צו די אומות העולם? זיי זענען געקומען מיט די תורה אליין, אז על פי תורה דארף מען זיך צו שטעלן, די מיעוט דארף בטל ווערן צום רוב.

**זאגט** מען, 'כשעמדה מלכות יון הרשעה על עמך ישראל', פון איין זייט איז געווען 'להשכיחם תורתך', פשוט מען זאל פארגעסן פון די תורה. און נאכדעם 'ולהעבירם', זיי האבן געוואלט מעביר זיין יודען, 'מחוקי רצונך', פון די חוקי רצונך האבן זיי גענומען אמתלאות מיט ראיות אונז מעביר צו זיין פון די תורה. ווייל מען דארף גיין נאך רוב, זענען זיי די רוב, און מיר דארפן בטל ווערן צו זיי.

**די** קשיא איז דאך א קשיא, עס שטייט טאקע אחרי רבים להטות, אז א מיעוט ווערט בטל ברוב, פארוואס ווערן מיר נישט בטל צו זיי? אבער די הלכה איז (עיין **בשו"ע** יו"ד סימן צ"ה סעיף ה'), אז ביטול איז נאר שייך ביי א זאך וואס איז נישט ניכר, א זאך וואס איז ניכר איז נישט שייך קיין ביטול. אז עס מישט זיך אויס איינס מיט דאס אנדערע, און מען דערקענט נישט וועלכע עס איז די היתר וועלכע עס איז די איסור, ווערט עס בטל. אבער אז מען דערקענט, איז נישט דא קיין ביטול. דער אייבערשטער האט אריינגעלייגט אין אונז די מצוה פון מילה, מיר זענען א חותם פונעם אייבערשטען, וואס איז ניכר אויף יעדן יוד אז ער האט א חותם פונעם אייבערשטען, ממילא איז נישט שייך ביי יודען קיין ביטול אין די אומות העולם, ווייל מיר זענען ניכר.

**קומט** אויס, אז ברית מילה איז דער וועג וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן, כדי מיר זאלן נישט קענען בטל ווערן צווישן זיי, ביי אונז איז נישט דא קיין ביטול, ווייל מיר זענען ניכר מיט די מצוה מילה וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן. די מצוה פון מילה דאס האט צוגעהאלפן דערצו, אז מיר האבן

געקענט ביישטיין אונזערע אויבים. ווען זיי זענען געקומען להעבירם מחוקי רצונך, האבן מיר געהאט די מצוה פון מילה, וואס האט געזאגט מיר זענען ניכר און מיר ווערן נישט בטל. - האט מען קובע געווען חנוכה אכט טעג אויף די מצוה פון מילה, ווייל מצות מילה דאס האט צוגעברענגט דערצו, אז מיר וועלן קיינמאל נישט בטל ווערן צווישן די אומות העולם.

*

בשעות הצהרים מילאו מאות ילדי התשב"ר של מוסדותינו הק' וויליאמסבורג – בארא פארק – מאנסי את היכל בית מדרשנו בוויליאמסבורג, כולם התאספו יחד למעמד ומסיבת חנוכה בראשות **רבינו שליט"א**.

הרב **ראובן אלעזר פריעדמאן** שליט"א מנהל הת"ת בוויליאמסבורג פתח את המעמד. אחר פרקי שיר וזמירות לכבוד היום, השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש לילדי המוסדות. עם סיום המעמד עברו כל תלמידי התתי"ם לקבל מעות חנוכה מידו של **רבינו שליט"א**.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**איך** וויל קודם באגריסן די טייערע חשובע קינדער, וואס זענען זיך צוזאם געקומען צו די מסיבה. מען האט פריער געהערט די חשיבות פון תורה וואס תינוקות של בית רבן לערנען. און כל שכן אין די צייט וואס מען שטייט, וואס די יונים זענען אויפגעשטאנען להשכיחם תורתך ולהעבירם מחוקי רצונך. א זמן וואס עס איז לעצטנס געווען שוואך לימוד התורה און אנדערע ענינים וואס עס האט געדארפט צו זיין ביי' יודען. ב"ה דער אייבערשטער האט געהאלפן, מען קען ווייטער ממשיך זיין צו לערנען און דאווענען, איז אוודאי א געוואלדיגער חשיבות אז מען קומט זיך צוזאם אין די טעג אינאיינעם.

**יעדער** ווייסט אז חנוכה איז אכט טעג. דער טעם דערפון איז, ווייל אין די צייטן פון די יונים איז נישט געווען קיין אויל צו צינדן אין בית המקדש, און מען האט געטראפן איין קריגל פון אויל, וואס דאס איז געווען גענוג אז עס זאל ברענען דעם ערשטן טאג, און עס איז געשעהן א נס, אז מען האט געקענט צינדן גאנצע אכט טעג. די מפרשים פרעגן א קשיא, אז דעם ערשטען טאג איז דאך נישט געווען קיין נס, ווייל אויפן ערשטן טאג האט מען געהאט א פך שמן, אז מען זאל קענען צינדן, דער נס איז דאך נאר געווען די איבריגע טעג. פארוואס האט מען קובע געווען אכט טעג חנוכה, דער נס איז דאך נאר געווען, אז עס איז געבליבן אויף די איבריגע טעג.

**עס** איז דא נאך א קשיא פונעם **פני יהושע**, אז עס איז געווען נאך א זאך אין בית המקדש וואס מען האט געדארפט טון יעדן טאג, און מען האט געדארפט האבן דערצו שמן. יעדן טאג האט מען געדארפט מקריב זיין א קרבן תמיד, את הכבש האחד תעשה בבוקר ואת הכבש השני תעשה בין הערבים, ועשירית האיפה סולת למנחה בלולה בשמן (במדבר כח-ד), מען האט געדארפט ברענגן מעהל פאר א מנחה, און מען האט עס געדארפט אויסמישן מיט אויל, און דאס האט מען מקריב געווען יעדן טאג. עס איז דאך נישט געווען קיין אויל, אלע שמנים האט מען מטמא געווען, האט מען דאך נישט געקענט מקריב זיין די מנחה. פארוואס איז נאר דער גאנצע ענין פון נס חנוכה אז מען האט געטראפן אויל צו צינדן די מנורה, און וואס טוט זיך מיט די מנחה.

**עס** קען אפשר זיין, אז אין הכי נמי, מען האט נאר געטראפן א פך שמן אז מען זאל צינדן פאר איין טאג, אבער אז עס איז געשעהן א נס, און עס איז צוגעקומען דערצו אויל, איז צוגעקומען אויל נישט נאר אז מען האט געקענט אנצינדן די מנורה, עס איז אריינגעקומען אזויפיל אויל אין דעם פך שמן, אז מען האט אויך געקענט מקריב זיין דעם מנחת התמיד. לא היה בו להדליק אלא יום אחד, מען האט געטראפן דעם אויל אז מען זאל נאר קענען צינדן די מנורה פאר איין טאג, פאר די מנחה איז נישט געווען. און עס איז געשעהן א נס, אז אויסער דעם וואס מען האט געקענט דערפון צינדן די מנורה די איבריגע טעג, איז נתרבה געווארן דער שמן, אז מען האט אויך געהאט שמן פאר די מנחה. - איז דאך דעם ערשטן טאג אויך געווען א נס, ווייל עס איז נישט געווען קיין אויל צו צינדן די מנורה נאר פאר איין טאג, אבער פאר די מנחה איז נישט געווען קיין אויל. און אז עס איז געשעהן דער נס אז עס איז צוגעקומען אויל פאר די מנחה, האט מען קובע געווען אן אכטן טאג חנוכה.

**א-ל** ה' ויאר לנו', דער אייבערשטער האט אונז ליכטיג געמאכט, ער האט אונז געגעבן דעם שמן ליכטיג צו מאכן אין בית המקדש. וועסטו אבער

פרעגן, עס איז דאך נאר געווען א נס פאר זיבן טאג. 'אסרו חג', מען טוט צוזאמבינדן דעם יום טוב, 'עד קרנות המזבח' (תהלים קיח-כז), מיט די מנחה וואס מען האט געדארפט ברענגען אויפן מזבח. ווען דו ווערסט צוזאמבינדן דעם יום טוב מיטן קרנות המזבח, וועסטו זעהן אז דעם ערשטן טאג איז אויך געווען א נס.

*

**מען** ווייסט אז חנוכה איז די מצוה פון הדלקת המנורה. עס איז נישט דא נאך א מצוה אין גאנץ תרי"ג מצות און שבע מצות דרבנן, וואס די מצוה זאל זיין איינגעטיילט פאר יעדן איינעם אנדערש. אלע מצות איז יעדער יוד מקיים אויפן זעלבן וועג, יעדער טוט אן די זעלבע תפלין. דער גרעסטער צדיק און דער פשוט'סטער יוד, פון ווען מען ווערט בר מצוה, טוט ער אן די זעלבע תפילין ווי א צווייטער. עס איז די זעלבע ציצית, די זעלבע אתרוג, אלעס איז די זעלבע. חנוכה איז נישט אזוי. מען איז יוצא מצות חנוכה מיט נר איש וביתו, איין ליכט צינדט מען אן יעדן טאג, און עס איז גוט פאר זיך און פאר די גאנצע משפחה. אבער די מהדרין, ווער עס וויל זיין ערליכער, נר לכל אחד ואחד, זאל יעדער איינער עקסטער צינדן. מהדרין מן המהדרין, דו ווילסט זיין נאך ערליכער, מוסיף והולך, דארף ער יעדן טאג צוגעבן צו די נרות. - אלע קינדער זענען פשוט'ע מענטשן, און מיר זענען פון די מהדרין מן המהדרין, מען צינדט עקסטער, און מען איז מוסיף והולך. פארוואס ביי אנדערע מצות איז נישט דא א מהדרין, מיט מהדרין מן המהדרין, יעדער עסט איין כזית מצה. זאג אז א מהדר זאל עסן צוויי כזיתים, און מהדרין מן המדרין זאל עסן דריי כזיתים. פארוואס עפעס פונקט ביי חנוכה האבן די מהדרין, און מהדרין מן המהדרין צוגעגעבן צו די מצוה.

**עס** איז דא זייער א שיין ווארט פונעם **חידושי הרי"ם**. מען האט געטראפן אז דער פך שמן איז געווען מונח בחותמו של כהן גדול, דער כהן גדול האט עס געזיגלט. דער כהן גדול איז דען געווען א פאקער פון אויל? ער האט געזיגלט אלע אויל'ן? עס איז געווען איינער אין בית המקדש וואס איז געווען געשטעלט וואס ער האט געדארפט מסדר זיין די אויל. דער כהן גדול האט געטון די עבודה, אבער ער האט נישט געפאקט קיין אויל, ער האט נישט געזיגלט קיין אויל. ווי אזוי איז געווען דער פך שמן מונח בחותמו של כהן גדול.

**זאגט** דער חידושי הרי"ם זייער שיין. דער כהן גדול האט יעדן טאג געדארפט ברענגען א מנחה, וואס האט געהייסן מנחת חביתין. יעדן טאג האט ער מקריב געווען א מנחה וואס דאס האט געדארפט זיין פון זיין אייגענע מעהל, און פון זיין אייגענע אויל. די מנחה האט געהערט פריוואט פארן כהן גדול, ער האט יעדן טאג געברענגט זיין אויל, וואס מיט דעם האט ער מקריב געווען זיין מנחה. עס איז געווען מונח בחותמו של כהן גדול, ווייל דאס איז נישט געווען קיין אויל וואס מען האט אוועקגעלייגט פאר די מנורה, ווייל צו דעם האט דער כהן גדול נישט געהאט קיין שייכות, ער האט נישט געמאכט די אויל. אבער ער האט געהאט אויל פאר זיין מנחה וואס ער האט געברענגט יעדן טאג, און דאס האט ער זיך אוועקגעלייגט און פארזיגלט, דאס באלאנגט פאר מיר, דאס האט דער כהן גדול גענוצט פאר זיין מנחה. - און מען האט געטראפן יעצט די אויל וואס דער כהן גדול האט צוגעגרייט פאר זיין מנחה, און מיט דעם האט מען אנגעצינדן די מנורה.

**שטעלט** זיך אבער א קשיא, מען האט געדארפט נעמען צו די מנורה כתית למאור (שמות כז-כ), כתית איז טייטש צושטויסן. מען האט נאר געקענט נעמען די ערשטע טראפ, כדי עס זאל זיין זייער א קלארע אויל. כתית למאור ולא כתית למנחות (מנחות פו.), א מנחה האט מען געקענט ברענגען פון פשוטע אויל אויך. צו די מנורה האט דאך געדארפט זיין ספעציעל זייער א קלארע אויל, ווי אזוי האט מען געקענט נעמען דעם אויל וואס דער כהן גדול האט צוגעגרייט פאר זיין מנחה, און מיט דעם אנצינדן די מנורה. עס איז דאך נישט שוין געווען אזא קלארע אויל ווי דאס וואס מען דארף האבן פאר די מנורה. מוז דאך זיין, אז דער כהן גדול איז געווען זייער אן ערליכער כהן גדול, און ער האט צוגעגרייט פאר זיין מנחה, די בעסטע אויל וואס איז שייך, און ער האט געמאכט די אויל פאר זיין מנחה אויך פון כתית, ממילא האט מען שפעטער געקענט נוצן די אויל אויך פאר די מנורה.

**קומט** אויס, ווען דער כהן גדול וואלט נישט געווען קיין מהדרין, ער וואלט נישט צוגעגרייט אזא גוטן

אויל פאר זיין מנחה, וואלט מען נישט געקענט נוצן די אויל. נאר ווייל דער כהן גדול איז געווען א מהדר במצוות, ווען ער טוט א מצוה פארן אייבערשטען, ער איז מקריב א מנחה יעדן טאג, טוט ער עס פון די בעסטע זאך וואס ער קען געבן, די שענסטע אויל האט ער גענוצט פאר זיין מנחה, אזא אויל וואס מען קען אויך נוצן פאר די מנורה, האט מען געקענט שפעטער נעמען זיין פך שמן, און מען האט עס געקענט נוצן פאר די מנורה. קומט אויס, ווען דער כהן גדול איז נישט קיין מהדר, איז נישט דא קיין נס חנוכה. ווייל דער כהן גדול איז געווען א מהדר, וועגן דעם האט מען געהאט דעם נס פון חנוכה. וויל מען אונז לערנען ביי די מצוה פון נר חנוכה, אז עטץ זאלטס וויסן אז עס איז דא א ענין פון פשוט צינדן, און מהדרין, און מהדרין מן המהדרין, זאלסט געדענקען אז די גאנצע נס וואס מיר זענען צוגעקומען צו חנוכה, איז ווייל עס איז געווען א כהן וואס האט מהדר געווען.

**וואס** לערנט עס אונז? די חשיבות פון יעדע מצוה וואס מען טוט פארן אייבערשטען. ווען מען טוט א מצוה, טו עס נישט, אז איך האב עס אפגעטון, איך האב יוצא געווען, איך האב געטון וואס מען האט מיר געהייסן און יוצא געווען, ער לייגט נישט אריין קאפ און מח ער זאל עס טון אויף א שיינעם וועג. א מצוה דארף מען טון אויף א שיינעם וועג, זה אלי ואנוהו. נעמען א שיינע מנורה, און שיינע אויל, און גוטע קנויטן. אין יעדע זאך איז דא א הידור ווי אזוי מען קען עס טון. מען קען האבן פשוטע תפילין, און מען קען האבן מהודר'דיגע תפילין. מען קען האבן פשוטע ציצית, און מען קען האבן שיינע ציצית. מען קען האבן א פשוטן אתרוג, און מען קען האבן א שיינעם אתרוג. און א יוד דארף מהדר זיין אין א מצוה, זה א-לי ואנוהו. מחשיב זיין יעדע מצוה וואס מען טוט, איך טו דאך די מצוה פארן אייבערשטען, איך גיי עס טון פארן אייבערשטען אויף דעם שענסטען וועג וואס איז שייך איך זאל עס קענען טון, און דעמאלטס האט א חשיבות די מצוה. - וועגן דעם ווייזט מען ביי נרות חנוכה, נר מצוה ותורה אור, אז עס איז דא מהדרין, מהדרין מן המהדרין. זאג נישט איך טו מער ווי א פשוטער יוד, איך בין א מהדרין און איך האב שוין יוצא געווען. ניין, אז דו קענסט זיין א מהדרין, און דו קענסט זיין א מהדרין מן המהדרין, דארפסטו זוכן צו זיין א מהדרין מן המהדרין.

**גלוי** וידוע לפניך שרצונינו לעשות רצונך, יעדעס יודיש קינד וויל זיין נישט נאר א מהדרין, נאר ער וויל זיין א מהדרין מן המהדרין. זאל דער אייבערשטער געבן, מען זאל קענען לערנען און זיך פירן ערליך, און ערצויגן ווערן צו מקיים זיין אלע מצוות אויפן שענסטן וועג ווי אזוי מען קען עס טון פארן אייבערשטען. ווען מען שטעלט זיך דאווענען, נישט יוצא געווען דאס דאווענען, איך האב אפגעזאגט די ווערטער, נאר מען דאווענט מיט כוונה, מען שטייט אויף איין פלאץ ביים דאווענען, און מען דאווענט הויעך, דאס איז אלעס א הידור וואס מען טוט א הידור מצוה. און דורכדעם וואס מען איז מקיים די מצוה בהידור, ווערט עס מער אנגענומען ביים אייבערשטען.

**דער** באשעפער זאל געבן, אז די טעג פון חנוכה זאל ברענגען ליכטיגקייט אין יעדע יודישע שטוב. יודישע קינדער וואס זיצן און לערנען תורה, דארף האבן א ליכטיגקייט אין די תורה וואס מען לערנט, והאר עינינו בתורתך ודבק לבינו במצותיך. זאל דער נר חנוכה אריינשיינען אין אונז אלע, אונז זאל מיר האבן די הארה, און מיר זאלן זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צוגיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות הערב (ליל ו' דחנוכה) הדליק **רבינו שליט"א** נרות חנוכה בבית המדרש סאמבאטהעלי. קוטב הדברי תורה נסבו בענין קושיית **הגר"ח מבריסק זצ"ל** דמה הועיל שמן של נס להדלקת המנורה, הלא לא הוכשר להדלקה אלא שמן זית בלבד, ושמן הנברא מנס לא בא מן הזית ופסול למנורה. ועל כן חידש שלא ניתוסף בנס חנוכה שום שמן חדש, אלא שנתחזק איכות כחו של אותו שמן פי שמונה מטבעו הרגיל, ושמן של יום אחד האירה שמונת ימים.

והעיר **רבינו שליט"א** דזה תליא בתירוצי הבית יוסף (סימן תרע) באיזה אופן היתה צורת הנס. דלאופן השני שאחרי שנתנו השמן בהמנורה נתמלא הפך בשמן, אם כן על כרחך שניתוסף כאן שמן חדש של נס להדלקת המנורה. וצריכין לומר דנתבטל השמן ההוא בתוך שמן הפך וכשרה להדלקה. והאריך **רבינו שליט"א** דדבר זה תלוי בספיקת **רבי עקיבא איגר** בתשובותיו (מהדורא ד' סימן ס"ג) דאולי לא מהני ביטול אלא לבטל מהדבר האסור, כח האיסור או הפסול שיש בזה, אבל לא שישיג המתבטל חשיבות המבטל. וכמו כן יש להסתפק אי שמן נס

שנתערב בשמן זית, נעשה כולו כשמן זית. והאריך בדין ביטול מין במינו, ואי אזלינן בתר טעמא או בתר שמא. וביאר בזה מה שקיבל אביי דין דכבתה אין זקוק לה, דוקא כשאמרוה משמיה דרבי יוחנן.

וסיים בדברי אגדה שהנס בשמן היתה על ידי כח הקדושה של הכהן גדול, ובזה נמשך שמות הק' לשדד הטבע. וזהו כוונת אמרם שנחתם בחותמ"ו של כהן גדול, חותם קדושת אות ברית של הכהן.

*

***יום רביעי פרשת מקץ***

אחר תפלת שחרית התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **אלימלך ראאב** הי"ו.

בשעות הערב (ליל ז' דחנוכה) הדליק **רבינו שליט"א** נרות חנוכה בבית המדרש סאמבאטהעלי. קוטב הדברי תורה נסבו בענין קושיית **הפני יהושע** דמכיון שטימאו כל השמנים ולא נשאר אלא פך אחד, מהיכן היה להם שמן למנחות בכל אותן הימים. ובהא דקיימא לן מביא אדם קרבנו היום ונסכיו אחר עשרה ימים, והיו יכולים להשלים המנחות גם לאחר זמן כאשר יזדמן להם שמן טהור.

ודן **רבינו שליט"א** איזה מהן קודמת, שמן למנחה או שמן להמנורה, דיש לומר כיון דמצות הקרבת התמיד ומנחתה מצותה שנים ליום, ולעומת זה מצות הדלקת המנורה הוי רק פעם אחת ביום, הוי מנחת התמיד תדיר נגד מנורה שאינה תדיר. אך יש לדון בזה, דמנחת התמיד תדיר, ומצות הדלקת המנורה מקודש, שקרבן התמיד הוי עבודת חוץ בעזרה, והמנורה מצותה בהיכל. ותדיר ומקודש פוסק **הרמב"ם** שיקדים איזה מהם שירצה. אך יש לדון להקדים מנחת התמיד שזמנה בין הערבים, ומצות הדלקת המנורה היא רק בערב, ואין מעבירין על המצות.

ומעתה כאשר מצאו פך השמן, והוצרכו השמן למנחה ולמנורה, הקדימו ליקח את השמן מתחלה למנחת תמיד, דחביבה להם מצוה בשעתה, אם כן לא נשאר להם שמן למלאות כל הנרות, והוצרכו לנס גם ביום הראשון, וביאר בזה פסוקי הפרשה (בפרשת בהעלותך) במצות הדלקת המנורה.

***יום חמישי פרשת מקץ***

בשעות הצהרים ערך **רבינו שליט"א** סעודת זאת חנוכה, ביחד עם תלמידי הישיבה קטנה והישיבה גדולה, בבית מדרשנו הגדול בוויליאמסבורג. אחר ששרו ניגוני חנוכה וניגוני התעוררות, נשמעו דברי תורה מאת **הרה"ג רבי יעקב אהרן אויש שליט"א** (ר"מ בישיבה קטנה). אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש. בברכת המזון נתכבד הרה"ג רבי **יואל וואלפין** שליט"א (ר"מ בישיבה גדולה). בסיום הסעודה חילק **רבינו שליט"א** מעות חנוכה לתלמידי הישיבה.

בשעות הערב (ליל זאת חנוכה) הדליק **רבינו שליט"א** נרות חנוכה בבית המדרש סאמבאטהעלי. בדברי תורה דיבר **רבינו שליט"א** בטעם דקבעו חג ביום השמיני שלא היה בו נס (לפי דברי הבית יוסף דהנס ביום הראשון היה שנתמלא תיכף הפך, או המנורה, בשמן חדש), דקבעו יום האחרון לחג בשביל שבאותו יום נהנו מהשמן של נס מאתמול. וכל ענינו של זאת חנוכה היא, להמשיך הנאת הנס מיום הקדום למחרתו, ולכן נקרא זאת חנוכה, שיום זה משאיר הרשימא של חנוכה על כל השנה.

*

***ערב שבת קודש פרשת מקץ***

אחר תפלת שחרית התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **משה יוסף הלוי האפמאן** הי"ו.

*

***שבת קודש פרשת מקץ***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה. בברכת המזון נתכבד הרב **שלמה זלמן כ"ץ שליט"א**.

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **שלום שפיערער** הי"ו. אחר התפלה התקיים קידושא רבה לכבוד השמחה.

במוצאי שבת הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **עמרם אבערלאנדער** ע"ה.

# פרשת ויגש - ויחי ה׳ - י״ח טבת תשפ״א לפ״ק

***יום ראשון פרשת ויגש***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר״ר **פנחס שטראהלי** הי״ו. **רבינו שליט״א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

אחר כך שימש **רבינו שליט״א** במוהלות אצל הברית של בן הר״ר **אריה גרינהוט** הי״ו, שהתקיים בבית המדרש נייטרא.

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט״א** לשדה התעופה בדרכו לפאלם ספרינגס למנוחה.

*

***שבת קודש פרשת ויגש***

**רבינו שליט״א** התפלל וערך סעודה שלישית בבית המדרש חב״ד בעיר. בסעודה שלישית כיבד **רבינו שליט״א** את הר״ר **שמואל יצחק מארגערעטן** הי״ו בברכת המזון.

* * *

***יום חמישי פרשת ויחי***

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט״א** למעון קדשו, בחזרה ממנוחתו בפאלם ספרינגס.

*

***ערב שבת פרשת ויחי***

לפני כניסת השבת חבש **רבינו שליט״א** השטריימל להחתן **שמעון** (ב״ר חיים ברוך) **בראדי** נ״ו, ולהחתן **יעקב** (ב״ר ברוך מרדכי) **רייך** הי״ו.

*

***שבת קודש פרשת ויחי***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט״א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט״א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה, וסיפר כמה סיפורים מהגה״ק **בעל כתב סופר זצ״ל** (לרגל היומא דהילולא ביום י״ט טבת). בברכת המזון נתכבד הבחור בנש״ק **משה מרדכי הלברשטאם** נ״ו.

בקריאת התורה התקיים שמחת עליה לתורה של החתן **שמעון** (ב״ר חיים ברוך) **בראדי** נ״ו, ושל החתן **יעקב** (ב״ר מרדכי) **רייך**. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחות.

בסעודה שלישית התקיים השבע ברכות של החתן **יהודא שטערן** נ״ו (חתן הרב לוי יצחק לינדנער הי״ו).

***וזה תוכן סיום הדברי תורה:***

**מען** געפונט ביי יוסף הצדיק, ווען מען האט אים פארקויפט פאר א עבד ביי פוטיפר אין שטוב, און דארט האט ער געהאט דעם נסיון מיט אשת אדוניו, ער האט זיך נישט געקענט ארויסדרייען דערפון, יעדן טאג האט ער זיך אנגעשלאגן אין דעם זעלבן נסיון, ויהי כדברה אל יוסף יום יום, טאג נאך טאג האט ער געהאט דעם זעלבן נסיון. ויהי כהיום הזה, ויבא הביתה לעשות מלאכתו וגו׳, וינס ויצא החוצה (בראשית לט-יא). דער לשון איז א שווערער לשון, ויהי כהיום הזה, עס איז געווען אזוי ווי דער טאג. עס וואלט געדארפט שטיין ויהי היום הזה, עס איז געווען דעם טאג, ויבא הביתה לעשות מלאכתו. וואס איז דער ויהי ׳כהיום׳ הזה, עס איז געווען אזוי ווי דער טאג.

**רש״י** זאגט, ויהי כהיום הזה, עס איז געקומען א באשטימטער טאג, עס איז געווען א יום איד, זיי האבן געהאט א חאגע, וואס יעדער איז ארויסגעגאנגען פון שטוב, מען האט געהוליעט דארטן, און דעמאלטס איז זי געבליבן אליין מיט יוסף אין שטוב, און דאס האט צוגעברענגט דעם נסיון. - אין תרגום יונתן שטייט, ויהי כהיום הזה, ער איז אריינגעגאנגען אין שטוב דארטן בודק זיין אין זיינע חשבונות. ער האט געפירט די ביכער פון פוטיפר, איז ער געגאנגען דארט בודק זיין די חשבונות פון די ביכער, דאס איז געווען ויבא הביתה לעשות מלאכתו. ער איז מסביר וואס די מלאכה איז געווען, וואס ער האט געהאט צו טון אין דעם בית.

**עס** קען זיין דער פשט דערפון איז. ווען א מענטש האט א נסיון, און דער נסיון באפאלט אים פלוצלינג, ער איז נישט גערישט אויף דעם נסיון, איז זייער שווער ער זאל זיך קענען מתגבר זיין אויפן יצר הרע. די תאוה ברענט, אנת נורא ואנא בשרא (קידושין פא.), דער יצר הרע איז פייער, דער מענטש איז נאר א בשר ודם, עס איז זייער גרינג ער זאל קענען אדורכפאלן אין א עת נסיון. אבער **ווען א מענטש רישט זיך פאר דעם, ער איז אלץ צוגעגרייט פאר דעם, איך גיי יעצט**

**אויף א פלאץ ווי איך גיי האבן א נסיון, און איך גיי זיך אפהיטן. ער טוט פאר זיך מצייר זיין דעם נסיון וואס ער גייט האבן, און ער גייט זיך צורישן פאר דעם, ער זאל נישט צוקומען צו א מכשול, איז אים גרינגער שפעטער ער זאל קענען עומד זיין בנסיון.** ער איז צוגעגרייט פאר דעם, ער ווייסט אז ער שטייט פאר א פאסטקע וואו מען קען אריינפאלן, און ער היט זיך ער זאל נישט צוקומען דערצו.

**די** משנה (אבות ג-א) זאגט, הסתכל בשלשה דברים ואין אתה בא לידי עבירה, ווען א מענטש איז זיך מתבונן אין די דריי זאכען, היט עס אים אפ פון א חטא. דע מאין באת, ולאן אתה הולך, ולפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון. א מענטש דארף זיך שטענדיג מצייר זיין, אז א מענטש איז גארנישט, א טפה סרוחה. און ער קומט אן אין א פלאץ פון עפר רמה ותולעה. און ער דארף אפגעבן א דין וחשבון אויף אלע מעשים וואס ער האט געטון. זאגט די משנה ווען דו וועסט זיין א מסתכל בשלשה דברים, דו וועסט דיך מתבונן זיין דערין. יעדער ווייסט די זאכן, מען דארף אים נישט דערמאנען, אבער עס פעלט דער הסתכלות דערין, מען איז זיך נישט גענוג מתבונן, דער ציור ליגט נישט פאר די אויגן. ווען דו וועסט אריינקוקן אין די דריי זאכן, ואין אתה בא לידי עבירה, וועט עס דיר צוריקהאלטן אז דו זאלסט נישט קומען צו קיין עבירה.

**עס** איז דא אנדערע דריי זאכן וואס איז אויסגערעכענט אין די משנה (שם ב-א), דע מה למעלה ממך, עין רואה, ואוזן שומעת, וכל מעשיך בספר נכתבים. **א יוד דארף שטענדיג וויסן אז עס איז דא א עין רואה, יעדע זאך וואס ער טוט, איז דא א זאך וואס טוט אים אפכאפן, וואס עס זעהט אלעס. מען קען זיך מצייר זיין אין היינטיגע צייטן, דער אייבערשטער האט געוויזן אז א מענטש קען זיין באהאלטן אויף א פלאץ וואו ער איז, און עס קען זיין דארטן אזעלכע כלים וואס קענען אים זעהן פונקטליך וואס ער טוט. און עס ווערט רעקארדירט, מען קען עס איבערצייגן שפעטער, אזוי דארף א יוד וויסן, עין רואה, עס איז דא אן אויג אויבן אין הימל וואס זעהט אלעס. עס איז דא א אוזן וואס איז שומעת, עס הערט וואס מען רעדט. וכל מעשיך בספר נכתבים, אלעס ווערט פארשריבן, און מען וועט שפעטער אפירנעמען דעם גאנצן לעבן פונעם** **מענטש. נאך הונדערט און צוואנציג יאר גייט מען ארויף אויף יענע וועלט, און מען שפילט פאר אים איבער זיין גאנץ לעבן, יעדע ריר וואו ער איז געגאנגען, וואס ער האט געזעהן, און עס איז אלעס אפגעשריבן, און ער וועט דארפן אפגעבן דערויף א דין וחשבון.** - ווען א מענטש איז זיך מתבונן דערין ווען ער האלט פאר א חטא, טוט עס אים געבן כח און חיזוק אז ער זאל נישט נכשל ווערן.

**יוסף** הצדיק, האט געוואוסט אז ער שטייט פאר א נסיון, א טאג טעגליכן נסיון. ווען ער קומט אריין צו אדוניו אין שטוב, האט ער א נסיון פון אן עבירה. בעפאר ער איז אריינגעגאנגען אין שטוב פון זיין אדון, האט ער שטענדיג מסתכל געווען אין די שלשה דברים, ער האט זיך שטענדיג מתבונן געווען, מאין באת, ולאן אתה הולך, ולפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון. עס איז דא א עין רואה, עס איז דא אן אוזן שומעת, און עס איז כל מעשיך בספר נכתבים, עס איז אלעס פארשריבן אין א בוך. אלעס וואס איך גיי יעצט טון, וועט אלעס רעקארדירט ווערן אויף שפעטער. דאס האט אים געגעבן דעם כח ער זאל קענען עומד זיין בנסיון, ווען ער איז אריינגעקומען לבית אדוניו.

**זאגט** אויף דעם דער תרגום יונתן, ויהי כהיום הזה ויבא הביתה לעשות מלאכתו, ווען ער איז געקומען טון זיין מלאכה, איז ער אריינגעגאנגען מיט די מחשבה פון למבדק פנקסיה דחשבניה, עס איז דא א פנקס מיט א חשבון אויף אלעם וואס דער מענטש האט געטון. און עס וועט זיין א צייט וואס מען גייט בודק זיין דעם פנקס, פון דעם חשבון וואס מען האט געטון. מיט די מחשבה, מיט די השקפה, ויבא הביתה, איז יוסף אריינגעקומען, לעשות מלאכתו, צו טוען זיין ארבעט. איך גיי טאקע יעצט אריין אויף דעם פלאץ, אבער עס גייט אלעס רעקארדירט ווערן וואס עס וועט זיין דא, און עס וועט זיין פארשריבן אין א פנקס, און איך וועל דארפן אפגעבן דין וחשבון אויף וואס מען האט געטון. און דאס האט אים געגעבן דעם כח, אז ווען ער האט געהאט דעם נסיון, וינס ויצא החוצה, אן קיין חשבונות איז ער ארויסגעלאפן אינדרויסן.

**ווען** א מענטש האט דאס פאר זיך, ער איז מסתכל בשלשה דברים, קומט ער נישט צו א עבירה. אין

הייליגע ספרים שטייט, וימאן (לט-ח) האט אויף זיך א שלשלת, שלשלת איז א לשון פון דריי. הסתכל בשלשה דברים, די דריי זאכן האבן אים צוגעברענגט צו דעם וימאן, אז ער האט געזאגט איך בין נישט גרייט צו טון די עבירה. שלשלת, ער האט געהאט דעם צוויי מאל בשלשה דברים. איינס, מאין באת, ולאן אתה הולך, ולפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון. און די אנדערע דריי, עין רואה, ואוזן שומעת, וכל מעשיך בספר נכתבים. ער איז אריינגעקומען למבדק פנקסא דחשבניה, אז עס וועט קומען א צייט וואס מען וועט בודק זיין דעם פנקס החשבון, דאס האט אים געגעבן דעם כח וינס ויצא החוצה.

*

**עס** קען אפשר זיין עס ליגט דערין א טיפערע נקודה. אין די גמרא (ברכות ה.) איז דא נאך דריי זאכן וואס טוט צוריקהאלטן דעם מענטש, ער זאל נישט צוקומען צו קיין חטא. לעולם ירגיז אדם יצר טוב על יצר הרע, א מענטש זאל שטענדיג מרגיז זיין דעם יצר טוב אויפן יצר הרע. אויב עס גייט, איז גוט. אז נישט, יעסוק בתורה, זאל ער לערנען תורה. אז נישט, יקרא קריאת שמע, זאל ער ליינען קריאת שמע. ואם לאו, אויב דאס האט אים אויך נישט געהאלפן, ער האט שוין פרובירט מרגיז צו זיין דעם יצר טוב, און ער האט זיך שוין געזעצט לערנען, און ער האט שוין געליינט קריאת שמע, און דער יצר הרע איז נאך ווייטער דא. יזכיר לו יום המיתה, זאל ער זיך דערמאנען פונעם יום המיתה. שנאמר (תהלים ד-ה) רגזו ואל תחטאו, דאס גייט ארויף אויף ירגיז, אמרו בלבבכם, דאס גייט ארויף אויף תורה, על משכבכם, אויף קריאת שמע, ודומו סלה, איז יזכיר לו יום המיתה.

**עברי** מיט טייטש לערנט מען פשט אין יזכיר לו יום המיתה, אז מען וועט אפגעבן דין וחשבון. די פריער'דיגע שמועס וואס מען האט גערעדט, ולפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון, דער יום המיתה דערמאנט פאר א מענטש אז מען וועט שפעטער אפגעבן דין וחשבון. לויט דעם וואלט נישט געדארפט צו שטיין יזכיר לו 'יום' המיתה. ער וואלט געדארפט זאגן יזכיר לו מיתה, ער זאל געדענקען אז א מענטש שטארבט, און מען וועט אפגעבן דין וחשבון אויף וואס מען האט געטון. די גמרא דרוקט נישט ער זאל געדענקען די מיתה, נאר ער זאל געדענקען דעם 'יום' המיתה, דעם טאג וואס ער שטארבט. וואס איז דער יום המיתה, וואס וועט אים מציל זיין פון א חטא.

**עס** איז דא דערין א נקודה. ווען א מענטש פאלט אדורך אין א חטא, אדער אין א נסיון וואס ער האט, טוט אים וויי אז ער פאלט אדורך, ער וואלט נישט געוואלט צוקומען דערצו. אבער ער טראכט אלץ, נו מען גייט דאך נאך לעבן ווייטער, איך וועל נאך אמאל מתקן זיין וואס איך האב געזינדיגט. דער אייבערשטער איז דאך א גוטער, און ער איז דאך מקבל בתשובה. ער זאגט נישט ממש אחטא ואשוב, איך גיי זינדיגן און איך וועל תשובה טון, אבער אונטער זיין באוויסטזיין, ליגט א נקודה, אז איך וועל נאך אמאל מתקן זיין וואס איך האב חוטא געווען.

**ווען** א מענטש שטייט אבער דעם לעצטן טאג פון זיין לעבן, און עס זאל אים אונטערקומען א נסיון דעם טאג. ער איז קראנק, און ער ווייסט אז ער וועט נישט אדורכמאכן דעם היינטיגן טאג, אין דעם לעצטן טאג פון זיין לעבן, קומט אים א נסיון צו טון אן עבירה. פאר כל הון דעלמא וועט ער עס נישט טון. גיין טון אן עבירה יעצט ווען איך גיי זיך געזעגענען פון די וועלט, און איך דארף ארויפגיין אויבן אין הימל אפגעבן דין וחשבון, יעצט גיי איך טון אן עבירה?! יעצט זוכט ער מתקן צו זיין וואס ער האט געזינדיגט אין משך פונעם לעבן, און ער גייט נישט עובר זיין א עבירה אין דעם טאג וואס ער גייט זיך געזעגענען פון די וועלט. דאס וואס א מענטש ווערט נכשל, איז ווייל ער טראכט אז ער האט נאך א לאנג לעבן פאר זיך, ער האט נאך יארן, און ער וועט מתקן זיין. ער וועט נאך פאסטן, ער וועט נאך תהלים זאגן, ער וועט זיך נאך איסבעטן ביים אייבערשטען. אבער ווען א מענטש שטייט דעם לעצטן טאג פון זיין לעבן, דעמאלטס פאלט ער נישט אדורך, דעמאלטס וועט ער נישט גיין טון אן עבירה מיט א חשבון אז ער וועט שוין מתקן זיין שפעטער.

**און** אזוי ווי עס איז אין מודיעין לאדם קיצו (שבת ל.), מען איז נישט מודיע פון הימל ווען די צייט איז. דארף א מענטש שטענדיג טראכטן, אפשר איז היינט מיין יום המיתה! אפשר איז היינט דער לעצטער טאג וואס איך בין דא אויף די וועלט! מארגען ווייס איך נישט צו איך וועל אויפשטיין. און איך גיי נישט

קאליע מאכן אין דעם לעצטן טאג פון מיין לעבן, און עובר זיין אויף דעם רצון פונעם אייבערשטען.

**רגזו** ואל תחטאו, אמרו בלבבכם, על משכבכם, ואם לאו, אויב אלע זאכן האבן אים נישט געהאלפן, יזכיר לו 'יום' המיתה, אפשר איז היינט דיין יום המיתה. און אויב היינט איז דיין יום המיתה, אין א יום המיתה וועט א מענטש נישט זינדיגן. אין א יום המיתה וועט א מענטש נישט נכשל ווערן אין אשת אדוניו. און דאס האט געגעבן חיזוק פאר יוסף, אפילו יוסף איז געווען דער געוואלדיגער צדיק און דער קדוש, און אלץ מקיים געווען דעם רגזו ואל תחטאו, אבער אמאל איז דא אזא נסיון ווי עס איז געווען ביי יוסף הצדיק, א געוואלדיגער נסיון ער זאל קענען עומד זיין. עס קוקט אויס אין מדרש (ב"ר פז-י) אז ער האט געדארפט האבן דעמאלטס אויסערגעווענליכע כוחות ער זאל קענען עומד זיין בנסיון. אבער יוסף האט געטראכט, איך ווייס נישט צו מארגן וועל איך לעבן. היינט בין איך דא, היינט איז מיין לעצטע טאג אינעם לעבן, און אין דעם לעצטן טאג גיי איך נישט טון אזא זאך.

**ווען** א מענטש שטעלט זיך פאר יעדן טאג, אז דאס איז זיין לעצטער טאג, איז זיין הנהגה אנדערש. ער דאווענט אנדערש, ער לערנט אנדערש, זיינע געשעפטן זענען אנדערש, ער גייט נישט קאליע מאכן אין דעם לעצטן טאג פון זיין לעבן. און אז דער אייבערשטער האט אים געגעבן נאך לעבן, וועט ער דאנקען דעם באשעפער, אז דער באשעפער האט אים געגעבן נאך, אבער ער פירט זיך אויף יעדן טאג אזוי ווי דאס וואלט געווען זיין יום המיתה.

**ואתם** הדבקים בה' אלקיכם, ווען א יוד וויל זיך מדבק זיין אינעם אייבערשטן, ער וויל זיין דבוק אינעם אייבערשטען, זאל ער זיך אלץ פארשטעלן ווי חיים כולכם היום (דברים ד-ד), מיין גאנץ לעבן איז נאר היום, נאר היינט. וואס עס וועט זיין מארגן, ווייס איך נישט. אינעם היום, אינעם היינטיגן טאג, גיט א מענטש אכטונג, ער זאל נישט נכשל ווערן און צוקומען צו א חטא.

*

**און** עס גייט נאך טיפער, יזכיר לו יום המיתה, ווען א מענטש האלט דעם לעצטן טאג פון זיין לעבן, ער ליגט קראנקערהייט אויפן בעט, און ער ווייסט היום כאן ולמחר בקבר, היינט בין איך דא, מארגן בין איך נישט דא. מארגן דארף איך אפגעבן דין וחשבון אויף אלעם וואס איך האב געטון, און ער הייבט אן איבערצוגיין זיין גאנץ לעבן. איך בין געווען אויף דער וועלט זיבעציג יאר, אדורכגעגאנגען אזויפיל יארן. וואס האב איך אויפגעטון אין מיין לעבן? ווי אזוי האב איך זיך אויפגעפירט, מען האט מיר געגעבן א פיין לעבן, א געזונט לעבן, איך האב געהאט וואס איך האב געדארפט צו האבן, איך האב געקענט טון אזויפיל נחת רוח פארן אייבערשטען, און אזויפיל מצוות ומעשים טובים האב איך געקענט קונה זיין. ער וואלט געקענט קונה זיין גאנץ חיי עולם הבא די פאר יאר וואס ער איז דא. און ער הייבט אן צו מאכן א חשבון מיט וואס האב איך פארפאטשקעט מיין לעבן, ווי אזוי איז מיר אדורכגעגאנגען מיינע יארן מיט גארנישט, וואס טראג איך אהיים יעצט? דער מענטש איז צובראכן ביי זיך אויף שברי שברים, ווייל עס קומט די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן, וואס ער האט אדורכגעלאזט.

**מען** דארף אבער נישטווארטן ביז עס קומען די לעצטע שעות. ער דארף מאכן דעם חשבון בעודו איש, בשעת ער איז נאך ביי די כוחות. דער אייבערשטער האט דיר געגעבן כוחות, און דו קענסט עס אויסנוצן פאר תורה און עבודת ה', יעדע רגע קענסטו טון א נחת רוח פארן אייבערשטען. בכל דרכך דעהו, וואס איך טו, קען איך טון א נחת רוח פארן אייבערשטען. יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה, מכל חיי עולם הבא (אבות ד-כב), עס איז חשוב'ער פארן מענטש תשובה ומעשים טובים, מכל חיי העולם הבא. טראכטן שטענדיג די מחשבה וואס דו ווערסט האבן אין דיין יום המיתה, ווארט נישט ביז דעמאלטס. זיי דיך מתבונן ווילאנג דו ביסט נאך דא, ווען דו האסט נאך די מעגליכקייט מתקן צו זיין די זאך, און זיך פירן על פי דרכי התורה.

**ווען** מען זעהט אז די אלע זאכן וואס ער איז מרגיז דעם יצר טוב אויפן יצר הרע גייט נישט, יזכיר לו יום המיתה, געדענק ווי אזוי דו ווערסט זיך אליין אנקוקן אין דיין יום המיתה. נישט ווען דו ביסט שוין געשטארבן, נאר ווען דו ביסט נאך דא אויף די וועלט, און עס וועט קומען ביי דיר די מחשבה, ווי אזוי איז אדורכגעגאנגען מיין לעבן אויף די וועלט,

ווי אזוי האב איך זיך אויפגעפירט, וואס האב איך געקענט אלץ פארדינען, און וואס האב איך קאליע געמאכט, מיט וואס געב איך צוריק מיין נשמה. יזכיר לו 'יום המיתה' געדענק ווי אזוי דו וועסט זיך אליין אנקוקן אין דיין יום המיתה, און אזוי זאלסטו צוגיין יעצט בשעת דו האסט א נסיון צו א עבירה.

**ביי** יוסף הצדיק איז געווען דעם יזכיר לו יום המיתה. ווען ער איז געקומען צו דעם נסיון וואס ער האט געהאט מיט אשת אדוניו, זאגט די תורה הק', 'ויהי', עס איז געווען ביי אים, 'כהיום הזה', אזוי ווי דער יום המיתה. איין טאג וואס מען האט אינעם לעבן איז דאך דער יום המיתה, און ביי אים איז שטענדיג געווען כהיום הזה, אזוי ווי ער שטייט יעצט אין זיין יום המיתה. אין זיין יום המיתה וואלט ער נישט עובר געווען אויף אזא עבירה, ער וואלט עס נישט געטון. יוסף האט זיך מתבונן געווען, ווי אזוי וועל איך זיך אליין אנקוקן אין מיין יום המיתה. ווי אזוי וועל איך זיך אנקוקן אז איך וועל נישט קענען יעצט עומד זיין בנסיון. מיט דעם איז ויבא הביתה לעשות מלאכתו, מיט די מחשבה פונעם היום הזה, מיט דעם איז ער געקומען טון זיין ארבעט. ווען א מענטש האט די מחשבה, בשעת ער האט א נסיון פון אן עבירה, ער וועט זיך מצייר זיין דעם היום הזה, דאס וועט אים צוריקהאלטן ער זאל נישט זינדיגן. ויהי כיום הזה, ווען עס איז געווען ביי אים א ציור, כ'היום הזה, ער האט זיך מדמה געווען ווי אזוי ער וועט זיך אנקוקן אין דעם יום הזה, ווי אזוי ער וואלט זיך אויפגעפירט אין א יום הזה, דאס האט אים געברענגט אז וינס ויצא החוצה, אז ער האט עומד געווען בנסיון.

*

**עס** שטייט אין מדרש (ויק"ר לד-ה), יוסף גידר עצמו מן הערוה, ונגדרו כל ישראל. דאס וואס מיליאנען יודען זענען אדורכגעגאנגען דעם שיעבוד אין מצרים, אין אזא ערות הארץ, צוויי הונדערט יאר. עס שטייט אין מדרש (מכילתא בשלח), אז ששים ריבוא יודען זענען ארויסגעגאנגען, און דאס איז געווען אחד מחמשה, צו אחד מחמשים, צו אחד מחמש מאות. און פון דעסטוועגן דאך שטייט אין מדרש (ויק"ר לב-ה) לא היה אחד מהם פרוץ בערוה, עס איז נישט געווען איין פאל אין גאנץ מצרים וואס א יוד זאל נכשל ווערן אין אן עבירה. איינס איז געווען, שלומית בת דברי, ופירסמה הכתוב. פון וואו האט מען געהאט די כוחות הנפש, אן א תורה, אן דעם וואס מען האט געהאט קדושת התורה, מען זיצט אליין אין אזא נידריג פלאץ, און נישט צוקומען קיינמאל ביי קיין שום פאל מען זאל נכשל ווערן. - די קדושה פון יוסף הצדיק, וואס יוסף הצדיק האט אויסגעלערנט ויהי כהיום הזה, אז מען דארף זיך שטענדיג פארשטעלן דעם היום הזה, און אזוי דארף מען זיך פירן בשעת מען האט א נסיון. יוסף האט אראפגעלייגט א יסוד פאר גאנץ כלל ישראל שפעטער, יוסף גדר עצמו מן הערוה, מיט די וועג וואס יוסף האט זיך גודר געווען פון א ערוה, נגדרו כל ישראל, האט מען איבערגעלאזט א קדושה, אז יעדער יוד זאל קענען עומד זיין בנסיון מיט כהיום הזה.

**ווען** די ברודער האבן מורא געהאט אז יוסף וועט זיי צוריק באצאלן אויף דעם שלעכטס וואס זיי האבן געטון מיט יוסף, האט יוסף זיי געזאגט (בראשית נ-כ), אתם חשבתם עלי רעה, עטץ האטס געמיינט שלעכטס, אלקים חשבה לטובה, אבער דער אייבערשטער האט געמיינט גוטס. ער האט מיך אראפגעלייגט אהער אויף מצרים, ענק אויסצולערנען, 'למען עשה', אז יעדער מענטש זאל קענען מאכן, 'כיום הזה', אזוי ווי מיין יום הזה איז געווען. יוסף גדר עצמו מן הערוה, ונגדרו כל ישראל, מען זאל קענען נאכמאכן דעם יום הזה פון יוסף, אויף דעם האט דער אייבערשטער אראפגעשיקט יוסף אין מצרים, להחיות עם רב. עס דארף אראפקומען אן עם רב דא אויף מצרים, און מיט די קדושה פון יוסף הצדיק, וואס ביי אים איז געווען ויהי כהיום הזה, און ער האט געקענט עומד זיין בנסיון, למען עשה כהיום הזה, וועגן דעם האט מיך דער אייבערשטער אראפגעשיקט דא אויף מצרים, כדי יעדער יוד זאל קענען נאכמאכן און זיך פארשטעלן אזוי ווי עס איז היום הזה, יזכיר לו 'יום' המיתה, דאס זאל יעדער יוד קענען טון.

*

**די** תורה זאגט אין די קומענדיגע פרשה (שמות א-ז), ובני ישראל פרו וישרצו וירבו ויעצמו במאד מאד, יודען האבן זיך פארמערט, און זיי האבן זיך געשטארקט, במאד מאד, זייער זייער האבן זיי זיך געשטארקט. עס איז דא א מדרש (ב"ר ט-יב), ווען דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, האט ער געזעהן וואס ער האט אלץ באשאפן, והנה טוב מאד,

עס איז זייער גוט. זאגט דער מדרש, אז 'טוב', גייט ארויף אויפן לעבן פונעם מענטש, און 'מאד', גייט ארויף אויף מיתה, דאס שטארבן פונעם מענטש. והנה טוב מאד, דער אייבערשטער האט געזעהן אז וואס ער האט באשאפן איז גוט, דאס לעבן איז גוט, און דער אייבערשטער האט געזעהן אז דער מאד איז אויך טוב. און מען מוטשעט זיך וואס איז דער פשט אינעם מדרש, אז מאד גייט ארויף אויף מיתה.

**עס** קען זיין אז דער פשט דערפון איז. ווען איז גוט דער לעבן פונעם מענטש, ווען א מענטש האט שטענדיג פאר זיינע אויגן דעם מאד, ער האט פאר זיינע אויגן דעם יום המיתה, עס איז ביי אים יזכיר לו יום המיתה, ער לעבט אויף די וועלט. פון איין זייט לעבט ער, און פון די אנדערע זייט איז זיין מחשבה אז עס קומט א צייט וואס אלעס וועל איך איבערלאזן, איך וועל גארנישט מיטנעמען. אין מלווין לו לאדם לא כסף ולא זהב ולא אבנים טובים ומרגליות, אלא תורה ומעשים טובים בלבד (אבות ו-ט), איך גיי גארנישט מיטנעמען פון די וועלט, נאר תורה ומעשים טובים. ווען א מענטש לעבט מיט די מחשבה פון מיתה, דעמאלטס איז זיין לעבן טוב מאד, דעמאלטס פירט ער זיך אויף ערליך. והנה טוב, דאס איז דער חיים די לעבן, אבער אז די לעבן זאל זיין טוב, מאד דאס איז די מיתה. דורך יזכיר לו יום המיתה, קען דאס לעבן זיין ביי אים טוב מאד.

**און** אזוי האבן יודען געלעבט אין מצרים, 'ובני ישראל פרו וישרצו וירבו', זיי האבן זיך פארמערט אין מצרים. ווי אזוי קען זיין אז זיי האבן זיך געהאלטן אין אזא ערות הארץ. 'ויעצמו', זיי האבן זיך געשטארקט, 'במאד', מיט די מדה פון טוב מאד, וואס טוב מאד איז דאך מיתה, 'מאד', אין דעם האבן זיי זיך שטארק מחזק געווען. זי זענען שטענדיג ארומגעגאנגען מיט די מחשבה, אפשר איז היינט מיין לעצטער טאג אינעם לעבן, און איך גיי נישט אדורכפאלן אינעם היינטיגן טאג, און דאס האט זיי געגעבן דעם חיזוק. - און דאס איז געווען פארוואס יוסף הצדיק איז אנגעקומען אויף מצרים, און ער האט אראפגעלייגט דעם חותם אויף מצרים, און נגדרו כל ישראל בזכותו, אלע זענען נגדר געווארן אין זכות פון יוסף.

*

**יוסף** האט נישט מצווה געווען אז מען זאל אים ארויסטראגן פון מצרים. מען האט פריער גערעדט, א צדיק איז דאך משפיע פון זיין קדושה אויף דעם פלאץ וואו ער געפונט זיך. ווילאנג יוסף האט געלעבט, האט ער משפיע געווען קדושה אויף מצרים, און גדולים צדיקים במיתתן יותר מבחייהן (חולין ז.), אז יוסף וועט בלייבן אין מצרים, מען וועט אים נישט אוועקנעמען פון דארט און ארויפטראגן אויף ארץ כנען, וועט די קדושה פון יוסף באגלייטן יודען די אלע צייטן וואס מען וועט זיין אין מצרים. האט יוסף נישט מצווה געווען מען זאל אים ארויפטראגן אויף ארץ כנען. פאר יוסף אליין וואלט אפשר בעסער געווען ווען מען טראגט אים ארויף תיכף אויף ארץ כנען, אבער יוסף האט געוואלט ער זאל זיין א סימבאל פאר יודען אין מצרים. יוסף געפינט זיך דא צוזאמען מיט אונז, און יוסף איז געווען דער ויהי כהיום הזה ויבא הביתה לעשות מלאכתו, 'למען עשה', אונז זאל מיר קענען נאכטון, 'כהיום הזה'. האט יוסף געבעטן אז מען זאל אים נישט ארויסטראגן יעצט פון מצרים, נאר ווען איר וועט ארויפגיין אויף ארץ כנען, ווען עס וועט זיין פקוד יפקוד אלקים אתכם, דעמאלטס והעליתם את עצמותי, דעמאלטס זאל מען אים ארויסטראגן פון מצרים. יעקב אבינו האט אבער נישט אזוי געבעטן, יעקב האט געוואוסט אז ער לאזט איבער יוסף, און יוסף'ס זכות וועט העלפן אז יודען זאל נגדר ווערן אין מצרים. אים זאל מען אים תיכף ארויפטראגן, ער האט נישט קיין ענין צו בלייבן דא אין מצרים, ווייל יוסף וועט נאך בלייבן דא, און יוסף'ס זכות וועט מגין זיין פאר יודען אויף די גאנצע צייט וואס מען וועט זיין אין מצרים.

**יעקב** איז אויך געווען אזא הייליגער יוד ווי יוסף, כחי וראשית אוני געפונט מען דאך ביי יעקב. און פון דעסטוועגן דאך געפונט מען, אז אין מדת יסוד איז יוסף דער צדיק. פארוואס איז יוסף דער צדיק, יעקב איז דען נישט געווען אזא צדיק ווי יוסף, ער איז געווען דער מובחר שבאבות. פארוואס שיינט יוסף ארויס מער מיט זיין קדושה, פון וואס עס איז געווען ביי יעקב?

**עס** איז א געוואלדיגער חילוק. יעקב איז באמת געווען הייליג, הקב"ה קראו א-ל (מגילה יח.), דער אייבערשטער האט אנגערופן יעקב אבינו אז ער איז

אזוי ווי א-ל, אזא דביקות האט ער געהאט אינעם אייבערשטען. אבער פון איין זייט איז נישט קיין קונץ אז יעקב איז אזוי געווען, יעקב האט זיך געדרייט ביי יצחק, ער האט זיך נאך געדרייט ביי אברהם אבינו ביז די פופצן יאר. יעקב איז געווען א איש תם יושב אוהלים, ער איז ביז די אכציג יאר געזעסן אין בית המדרש און ער האט געלערנט, ער האט קיינמאל נישט געהאט קיין נסיון פאר זיך, עס זאל אים אנקומען אין זיין לעבן. און אז ער האט זיך געפירט ערליך, איז נישט קיין קונץ. ער זיצט איינגעשפארט אין בית המדרש, איש תם יושב אהלים, ער גייט נישט ארויס אויף די גאס, און מען האט נישט צו טון מיט קיין גוי, און מען דינט דעם אייבערשטען, אוודאי איז ער אויסגעוואקסן א יעקב אבינו. עס איז נישט אזא גרויסע צדקות די קדושה פון יעקב אבינו, אז ער זאגט שפעטער אז עס איז כחי וראשית אוני. אוודאי, אז ער איז געזעסן אפגעזונדערט פון די וועלט, איז ער געווען אין אזא מדריגה.

**יוסף** ביי די זיבעצן יאר האט ער איבערגעלאזט דעם פאטער, און ער זיצט אליינס אין מצרים, וואס קיינער האט נישט קיין חשבון אויף אים, ער קען טון וואס ער וויל. ער האט נישט געהאט דעם סיוע, נישט פון דעם טאטען, נישט פון די ברודער, און פון דעסטוועגן דאך האט ער זיך געהאלטן אזוי ערליך, דאס איז די קדושה פון יוסף, דער סימבאל פון יוסף, יוסף איז געווען העכער פון יעקב אבינו. און נישט נאר ער איז געווען העכער פון יעקב אבינו, ווייל יעקב האט נישט געהאט די נסיונות וואס יוסף האט געהאט. יוסף האט אויסגעלערנט, אז אפילו דו האסט נישט קיין שום הילף פון ארום און ארום, דו ביסט ארומגענומען מיט מצריים ארום און ארום, און דו וואוינסט צוזאמען מיט זיי, און דו מוזט זיין פיר און צוואנציג שעה צוזאמען אין שטוב, פון דעסטוועגן דאך דארף מען זיך קענען האלטן ערליך. דאס איז געווען די קדושה פון יוסף. - און אז יודען זענען שפעטער געווען אין מצרים, אן א יעקב אבינו, אן א תורה, און פון דעסטוועגן דאך האט מען זיך געקענט האלטן ערליך, דאס איז געווען דער כח פון יוסף. - האט יוסף געזאגט, מיך זאל מען נישט ארויפטראגן פון מצרים, מיך זאל מען לייגן דא, כדי מען זאל שטענדיג געדענקן דעם יוסף, און זיין קדושה וועט זיי באגלייטן, אז מען זאל זיך קענען פירן ערליך.

**ויחנטו** אותו, מען האט חונט געווען יעקב, און מען האט חונט געווען יוסף. וואס איז חניטה? חניטה איז, ווען א מענטש גייט אוועק פון די וועלט, איז דער סדר פון די וועלט, אז א שעה נאך א שעה איז דא א ירידה אינעם מצב פונעם גוף, ווי אזוי דער גוף איז. חניטה איז, צו האלטן אז עס זאל בלייבן אזוי ווי עס איז געווען פון פריער. דאס איז אין גשמיות. עס איז דא א חניטה אין רוחניות אויך. אז מען וויל אנהאלטן די קדושה וואס יוסף האט געהאט, אז עס זאל נישט פארלוירן גיין, עס זאל נישט צוגענומען ווערן, און יוסף זאל בלייבן דער סימבאל ווי אזוי מען דארף זיך פירן, דאס איז חניטה. מען האט חונט געווען דעם יוסף, אז יוסף איז נישט צוגענומען געווארן פון אונז, יוסף איז דא צוזאמען מיט אונז, אונז וועל מיר נעמען די מעשים פון יוסף, און אונז גיי מיר עס חונט זיין, אונז גיי מיר נאכטון וואס יוסף האט געטון, עס וועט נישט פארלוירן ווערן די קדושה פון יוסף. יוסף איז געווען, ויהי כהיום הזה ויבא הביתה לעשות מלאכתו, אונז גיי מיר דאס נאכטון, אונז האב מיר דא יוסף פאר אונז, וואס ער וועט זיין אונזער ציור אין דעם לעבן, ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן.

**וואס** איז געווען דער ציור פון יוסף, וואס איז געווען ביי יוסף? יוסף איז שטענדיג ארומגעגאנגען מיט דעם יזכיר לו יום המיתה. 'ויישם בארון', עס קומט א צייט וואס מען לאזט איבער די וועלט, מען לייגט אים אריין אין א ארון, דער חלק איז געווען ביי יוסף שטענדיג, די מחשבה פון דעם ויישם בארון, ויחנטו אותו, דאס האבן יודען חונט געווען. מען איז שטענדיג ארומגעגאנגען אין מצרים מיט די מחשבה פון ויישם בארון, אז עס איז יזכיר לו יום המיתה. און דאס האט געגעבן דעם כח אז יודען האבן געקענט אויסהאלטן אין מצרים.

**און** מיט דעם ענדיגט מען די פרשה. ווען מען זאגט וימת יוסף בן מאה ועשר שנים, ויחנטו אותו ויישם בארון במצרים, איז דאס נישט קיין דבר רעה, נאר דארט ליגט די גאנצע קדושה וואס יודען האבן געהאט אין מצרים. אז מען זאל קענען אנהייבן די פרשה פון ואלה שמות, אז עס זאל קענען זיין ובני ישראל פרו וישרצו וירבו ויעצמו במאד מאד, דאס האט זיך גענומען פון ויחנטו אותו. יודען האבן חונט געווען, זיי האבן אוועקגעלייגט ביי זיך, אז דער יוסף

זאל נישט פארלוירן ווערן פון אונז. ויישם בארון, די מחשבה וואס איז שטענדיג געווען ביי יוסף פון ויישם בארון, דעם חלק האבן זיי חונט געווען.

**און** וועגן דעם, ווען מען איז עולה לתורה, און מען ענדיגט ויישם בארון, זאגט מען חזק חזק ונתחזק, מיר קענען זיך שטענדיג אליין מחזק זיין, חזק חזק. יעדער יוד דארף זיך מחזק זיין, אז מען קען עס באווייזן. יוסף האט אונז געוויזן דעם וועג אין מצרים, און דורכדעם איז נגדרו כל ישראל. אזוי דארף א יוד לעבן, מיטנעמען מיט זיך די וועגן ווי אזוי יוסף האט עומד געווען בנסיון. דורך דעם ויהי כהיום הזה, וואס האט צוגעברענגט יוסף אז ער זאל קומען אין די מדריגה, דאס דארפן מיר חונט זיין. דעם ויישם בארון זאל שטענדיג זיין פאר די אויגן פונעם מענטש, און דורכדעם וועט מען חונט זיין יוסף. דאס איז דער חזק חזק וואס טוט אונז מחזק זיין, אז מיר זאלן זיך קענען אזוי פירן.

**עס** שטייט פונעם הייליגן **רבי ר' אלימלך זי"ע** (צעטיל קטן אות טז), האדם לא נברא בעולם רק לשבר את הטבע, א מענטש איז באשאפן געווארן צו צוברעכן די טבע. ער רעכנט אויס פיר פינף זאכן אין די טבעיות פון א מענטש, וואס מען קען עס צוברעכן און טוישן. א מענטש איז א עקשן, זאל ער נעמען פערציג טאג און ער זאל צוברעכן זיין עקשנות, נישט טון אזוי ווי ער האט געוואלט. ער איז א ביישן, ער שעמט זיך, זאל ער פערציג טאג לערנען הויך און דאווענען הויך, וועט ער קענען ביי זיך קונה זיין די מדה און צוברעכן די טבע. חניטה איז פערציג טאג. חניטה איז דאך דער טייטש, אז מען זאל קענען אוועקלייגן א זאך. מען קען אוועקלייגן א קדושה פון א צדיק, און זיך פירן אזוי, פערציג טאג לעבט מען מיט די מחשבה, דאס איז חניטה. די תורה רעדט נישט סתם ווילאנג חניטה נעמט, עס איז נישט קיין גרויסע נפקא מינה פאר אונז, ווילאנג עס האט גענומען די חניטה פון יעקב. נאר מיט דעם וועסטו זיך אראפלערנען, אז מען זעהט אין גשמיות אז חניטה דארף האבן פערציג טאג, וועסטו וויסן אז דער שורש דערפון איז אין קדושה אויך. אז א מענטש לעבט מיט א געוויסע קדושה פערציג טאג, ווערט עס ביי אים נשרש, אז עס ווערט א חלק פון אים.

*

**און** דאס איז די טעג פון שובבי"ם וואס מען גייט יעצט אריין. שובבי"ם איז פערציג טאג. זיבן טעג איז דא אין די וואך, און זעקס וואכן דאס איז צוויי און פערציג טעג. די טעג זענען ימי חניטה, כי כן ימלאו ימי החנטים. די פערציג טעג איז געגעבן געווארן פאר אונז, אז א מענטש זאל קענען מתקן זיין וואס מען איז אדורכגעפאלן. תשובה איז דאך חרטה על העבר, וקבלה על להבא. חרטה על העבר איז די קלייניגקייט פון תשובה, עס איז גאנץ א קליין פינטעלע פון תשובה די חרטה אויף וואס עס איז געווען, ווייל ווער האט נישט קיין חרטה. מען האט אפגעטון דעם חטא, מען שטייט א שעה שפעטער, האט ער שוין גארנישט פון דעם חטא וואס ער האט געהאט. די תאוה איז שוין אדורכגעגאנגען, די הנאה פון די עבירה איז שוין מער נישט דא, עס איז נאר געבליבן א פעקל עבירות וואס ער וועט אפגעבן דין וחשבון דערויף. זיכער האט ער חרטה, א טיפש איז דער וואס האט נישט קיין חרטה נאכדעם וואס ער האט געזינדיגט.

**די** עיקר שוועריקייטן פון תשובה איז נישט דער חלק החרטה, נאר די קבלה על להבא. זיך פארנעמען אויף ווייטער. דער הייליגער **אור החיים הק'** ברענגט (פרשת בלק כג-י), אז רשעים האבן אים געזאגט, ווען זיי ווייסן אז נאכדעם וואס זיי טוען תשובה, שטארבן זיי תיכף, און מען גייט אוועק פון די וועלט מיט תשובה, וואלטן זיי תשובה געטון. עס איז שווער די קבלה על להבא, מקבל צו זיין פון יעצט אויף ווייטער.

**און** מען קען טאקע נישט פארלאנגען אונז זאל מיר זיך טוישן פון איין מינוט אויף די אנדערע, און מיר זאלן ווערן צדיקים, מען דארף אבער אנהייבן מיט א קלייניגקייט. עס קומען די ימי השובבי"ם דארף זיין סור מרע, קודם אוועקגיין פונעם שלעכטס, אנהייבן מיט עפעס, נעמען אויף זיך, אין דעם חלק פן סור מרע. די נסיונות היינט זענען אזוי גרויס, מיר האבן נישט קיין השגה. די פריער'דיגע זענען אין זייער גאנץ לעבן נישט צוגעקומען צו אזעלכע נסיונות וואס היינט קען מען האבן אין איין טאג! עס איז נישט שייך געווען אמאל אז א מענטש זאל האבן די נסיונות אינעם לעבן. היינט איז א אפענע וועלט, און מען קען צוקומען איבעראל, ווען ער וויל, יעדע שעה, יעדע מינוט פונעם טאג, קען ער צוקומען צו א חטא. קבלה על להבא, אנהייבן מיט עפעס א

קליינינקייט. וואס גיי איך, פון מארגן אן, נעמען אויף מיר אן החלטה, אז די טעג פון שובבי"ם, גיי איך נישט טון וואס איך האב געטון ביז יעצט.

**פתחו** לי פתח כחודו של מחט, ואני אפתח לכם פתח כפתחו של אולם. מען בעט נישט פון אונז קיין פתחו של אולם, מען בעט פון אונז א חודו של מחט, נעם דיך פאר צו מאכן א פתח, א קליינינקייט, אזוי ווי א חודו של מחט. די קדושה וועט נאכדעם צוקומען. אז דו וועסט האלטן ביי דעם פערציג טאג, ווי מען האט פריער גערעדט, ימי חניטה איז פערציג טאג, דעמאלטס וועסטו זעהן, אני אפתח לכם פתח כפתחו של אולם, אז מען הייבט אן מיט קדושה, העלפט דער אייבערשטער שפעטער.

**אין** הייליגע ספרים שטייט אבער, אז דער פתח דארף זיין כחודו של מחט, עס זאל דיר געבן א שטאך! ווילאנג עס שטעכט דיך נישט, דו ווערסט נישט אויפגעטרייסלט, און דו שפרינגסט נישט פון דיין פלאץ צו מאכן דעם פתח, איז דער פתח נאר א שוואכער פתח. פתחו לי פתח כחודו של מחט, עפען א פתח, א קליינע טיר, אבער עס זאל זיין כחודו של מחט, עס זאל דיך אדורכשטעכן, עס זאל דיך אויפטרייסלען פונעם פלאץ, שפרינג אויף פונעם פלאץ, איך גיי זיך טוישן, איך גיי טון וואס איך האב נישט געטון ביז יעצט. - דאס איז דער סור מרע וואס א יוד דארף אוועקגיין פונעם שלעכטס.

**ועשה** טוב, דאס איז שוין די גרינגערע חלק. סוף כל סוף וועלן מיר אפגעבן א דין וחשבון אויף אלעם וואס מען האט געטון. די טעג וואס מען שטייט, האבן א עקסטערע סגולה אין זיך, אז מען זאל קענען מתקן זיין וואס מען איז אדורכגעגאנגען. מרבה זיין מער אין אמירת תהלים, אין דאווענען, מתפלל זיין פארן אייבערשטען, צוגעבן א פאר מינוט צום דאווענען, מער כוונה, תהלים, לערנען שעות רצופות, נישט אויסרעדן ביים לערנען, יעדער זאל זיך מקבל זיין אין זיינע נקודות וואס איז נוגע פאר אים. מען דארף אנהייבן מיט פתחו לי פתח כחודו של מחט, ואני אפתח לכם פתח כפתחו של אולם. און דאס הייבט זיך אן יעצט אין די טעג פון שובבי"ם, ווען מען ענדיגט די פריער'דיגע פרשה, ויחנטו אתו ויישם בארון במצרים, מען האט חונט געווען יעקב אבינו, מען האט אוועקגעלייגט די קדושה פון יעקב אויף שפעטער. מען האט חונט געווען יוסף, מיטצונעמען מיט זיך די קדושה פון יוסף אויף שפעטער.

**חזק** חזק ונתחזק, מיר קענען זיך מיט דעם מתחזק זיין. לאמיר זיך מחזק זיין, לאמיר נאכגיין אין די וועגן פון יוסף, למען עשה כהיום הזה, אונז זאל מיר קענען אויך נאכטון וואס יוסף האט געטון. מיר זענען נישט אין די מדריגות פון יוסף, אבער פאר אונז איז גרינגער, אונז האב מיר שוין געהאט א יוסף וואס האט אראפגעלייגט די שורש פון קדושה פארן כלל ישראל, און דורכדעם איז נגדרו כל ישראל. אונז האב מיר שוין אויסגעבעט פאר אונז דעם וועג, אז ווען מען וויל גיין אויפן ריכטיגן וועג, האט מען די מעגליכקייט אז מען זאל קענען גיין.

**דער** אייבערשטער זאל געבן, מען זאל קענען אויסנוצען די טעג פאר תורה און עבודת ה', דינען דעם אייבערשטען. מען זאל קענען מאכן גדרים וסייגים יעדער לפי ערכו, און זיך קענען האלטן ביי די גדרים. למען עשה כהיום הזה, שטענדיג געדענקען דעם יום המיתה, מען בלייבט נישט דא לעבן אויף אייביג, עס קומט די צייט וואס מען גייט אוועק פון די וועלט וואס דעמאלטס איז דער בליק פון א מענטש אנדערש. אלע הבלי עולם הזה וואס מען איז אדורכגעגאנגען איז ביי אים בלאטע, עס איז ביי אים גארנישט, און ער בענקט זיך צוריק אויף די צייט וואס ער האט יא געהאט די מעגליכקייט צו דינען דעם אייבערשטען, פארוואס ער האט עס נישט אויסגענוצט ווי עס דארף צו זיין.

**דער** באשעפער זאל געבן די ריכטיגע הרהורי תשובה, מען זאל עס אויסנוצן מיט תורה און עבודה, דינען דעם אייבערשטן מיטן גאנצן הארץ, נעמען אויף זיך תפלה, דאווענען, ער זאל זיך אויסרעדן פארן אייבערשטען, און אויסבעטן. אלעס קען מען פועל'ן ביים אייבערשטען מיטן כח התפלה. מען זאל קענען זיצן און לערנען און דינען דעם אייבערשטען מתוך שמחה וטוב לבב, און מען זאל זוכה זיין אקעגן צוגיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.